הײנט | „Radomer-Kielcer Leben“ 19 (769) | — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. | XVI־ער יאַהרגאַנג | פרײז 25 גראָשען

# ראַדאָמער־קעלצער לעבען

Radom, dnia 12 maja 1939 r.
ראַדאָם, פרײטאָג כ״ג אייר תרצ״ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15

אָבטײלונג פאַר קעלץ
פאַר׳ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך.

אָבטײלונג פאַר אָסטראָוויעץ אָפּאַטאָוו, וויערשובניק און סביבה

„טאָז“
געז. צו פאַרהיטען ס׳געזונד פון דער יודישער בעפעל־קערונג אין פוילען — אָבטײלונג אין ראַדאָם
...ZOZ"
...ony zdrowia ...dowskiej w ...olsce
Oddział w Radomiu
מאַכט בעקאַנט די נישט פאַרמעגליכע בעפעלקערונג פון ראַדאָם, אַז פון
5 מאַי ה. י.
קען מען פערשרײבען קינדער אויף די זומער־קאָלאָניעס אין גאַרבאַטקע
אײנשרײבונגען קומען פאָר פון 9 ביז 2 און פון 4 ביז 6 נ. מ.
אין ביוראָ פון „טאָז“ (זשעראָמסקי 13)

HERBATA z DZWONKIEM
BELL-TEA
świetnie smakuje

## יודען וועהלער!

זונטאָג דעם 21־טען מאַי 1939, דאַרף דעצידירט ווערען דער גורל פון דער זעלבסטפערוואַלטונג פון אונזער שטאָדט. אין דעם טאָג וועט קומען צום אויסדרוק דער ווילען פון דער ראַדאָמער בעפעלקערונג, ווער ס׳זאָל זי פערטרעטען און פערטײדיגען איהרע אינטערעסען אין ראַדאָמער שטאָדט־ראַט, וועלכער וועט, במשך דער פרישער קאַדענץ דעצידירען וועגען אַלע פראַגען וואָס זענען נוגע אונזער שטאָדט.

די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם, וועלכע דערפילט איהרע פליכטען פאַר דער מלוכה און אונזער שטאָדט וועט נישט בויגזאַם קעמפען, פעראײניגט אין אײנהײטליכען יודישען בלאָק, אַז דער שטאָדט־ראַט זאָל רעאַליזירען אונזערע גערעכטע פאָדערונגען, וואָס ס׳ליגט אין זײן קאָמפעטענץ.

דער פעראײניגטער יודישער בלאָק געהט צו די וואַהלען:

גרײט צו ברענגען קרבנות בײם פערטײדיגען די פוילישע מלוכה

קעמפען פאַר אַ געזונטער שטאָדט־ווירטשאַפט און פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער שטאָדט

שיצען די אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערונג אויף אַלע געביטען פון לעבען, אָהן אונטערשיד פון שטאַנד, אָדער קלאַס

צוזאַמענאַרבײטען מיט די גרופּירונגען, וועלכע וועלען זיך בעציהען לאָיאַל צו אונז און זײן גרײט צו רעאַליזירען אונזערע גערעכטע פאָדערונגען

יודען וועהלער!

אויף די קאַנדידאַטען ליסטעס פון **פעראײניגטען יודישען בלאָק פיגורירען אויסגעפּרובטע געזעלשאַפטליכע טהוער, וועלכע זענען אײך בעקאַנט פון זײער מסירת־נפש׳דיגער טעטיגקײט פאַר׳ן יודישען כלל.**

די זעלבע זענען ווײטער גרײט צו דערפילען זײערע שווערע פליכטען, צו פערטײדיגען דעם יודישען כבוד, צו פערטײדיגען די אינטערעסען פון דער פון דער יידישער בעעלקערונג אין ראַדאָם.

**קאָמיטעט פון פעראײניגטען יודישען בלאָק**
**ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע**
**אָרג. פון אַלגעמײנע ציוניסטען**
**„מזרחי“**
**„אַגודה“**
**פרויען־אָרג. „וויזאָ“**
**נײע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע**
**סוחרים־פעראײן**
**קלײנהענדלער־פערבאַנד**
**האַנדווערקער־פעראײן** (וויטאָלדאַ 10)
**פעראײן פון יודישע קאָמבאַטאַנטען**
**אומפּאַרטײאישע אינטעליגענץ**
**אומפּאַרטײאישע אָרטאָדאָקסען**

## דאַנקזאַגונג

דערמיט דריקען מיר אויס אַ דאַנק דעם ה׳ **דוד רובינשטײן זשעראָמסקי 11** פאַר זײנע געשאַנקענע קלײדער פאַר יודישע פליטים.

**דער יוד. פליטים = קאָמיטעט**
אין ראַדאָם.

Z okazji zaślubin
p. *Guty Flumenówny*
z p. *Pinchesem Kohenem*
w Lublinie
serdeczne życzenia
zasyła
Radom. Szmulek Holckener.

**וואַל־קאָמיטעט פון „בונד“ פּראָפ. פעראײנען און האַנדווערקער אין ראַדאָם.**

**זונטאָג דעם 14 ד. י. 6 אַ זײגער נ. מ.**
קומט פאָר אין לאָקאַל פון
**יודישען האַנט. קלוב רווינסקאַ 1**

**אַ גרויסער וואַהל = מיטינג**
**פאַר האַנטווערקער און קלײנהענדלער**

מיט דער בעטײליגונג פון ה׳ **ז. פינקעלשטײן** (פון וואַרשאַ) און אָרטיגע חברים. קומט מאַסענווײז.

**דער וואַהל־קאָמיטעט**

SZKOŁA
**Kierowców Samochodowych**
**Sławomira Supronowicza**
Radom, Koszarowa 3
**przyjmuję wpisy na nowy komplet.**
Szkoła posiada własne warsztaty reperacyjne przy ul. Nowogrodzkiej № 20.
**Informacje od 9 - 12 i od 13 - 2**

ישראל משה און פרוי גיטעל מאַלקוסמאַן
אונזער גוטע שכנים, צו דער האָכצײט פון זײער ליבע טאָכטער
**אײדעל**
מיט ה׳
**מרדכי גערטנער**
אַ האַרציגען מזל־טוב און דעם יונגען פּאָר אַ גליקליכע צוקונפט.
יאַנקעל מאָשקאָוויטש מיט פרוי און קינדער.

צו דער חתונה פון ה׳
**מרדכי גערטנער**
מיט פר״ל.
**אײדל מאַלקוסמאַן**
ווינשען מיר פיעל גליק.
**לײטשע** און **מאיר הערץ**

**אַ גוטער פאַכמאַן בײ אַ קרײץ־זעג**
היבלאַרקי קעסטלעך מאַכען זוכט אַ פּאָסטען.
מעלדען זיך אין דער רעדאַקציע פאַר י. ג.

**יהודית קרשברג ז״ל**

די וואָך איז אַוועק אײנע פון די ליכטיגסטע געשטאַלטען אין אונזער שטאָדט, די פרוי פון ר׳ וועלוועל שו״ב יהודית ז״ל, וועלכע איז געווען בעקאַנט מיט איהרע מדות טובות: פרומקײט, בעשײדענקײט און גרויסע נדבנות, ספּעציעל פאַר איהרע קרובים, וועלכע זי האָט אויסגעהאַלטען עטליכע פאַמיליעס.

אַלײן נישט האָבענדיג קײן קינדער האָט זי בײ זיך ערצויגען עטליכע קרובים פון קינדווײז אָן און צו זײ געווען ווי אַן אײגענע מוטער. פיעל יאָהרען זיך געראַטעוועט אויף אַן אונהײלבאַרע האַרץ־קראַנקהײט. געשטאָרבען כ׳ אייר תרצ״ט און דעם זעלבען טאָג געקומען צו קבורה.

ת. נ. צ. ב. ה.

**ווילט** איר האָבען סאָלידע אַרבײט
**ווילט** איר האָבען הערליכע דרוק
מיט די נײעסטע מאָדערנע שריפטען
**צו ביליגע פרײזען**
**100 וויזיט קאַרטען 1 זל.**
בעשטעלט נור אין **דרוקערײ**
פון **ד. שײנבוים**
**ראַדאָם, זשעראָמסקי 21**

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נײע גאַרדעראָבעס, שנײ־ווײסע פאַרהאַנגען,
גיעס נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
**A. Hempel**
Centrala **Stare Miasto 7** telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס׳האָט זיך נאָך ניט איבערצײגט זאָל פּרובען און וועט זײן ענטציקט פון דער שענער, עקספּעדישער און פאַכמענישער אַרבײט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרײזען! —פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצײגט אײך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59
ביליג צו וואַשען קאַפּעלושען

